

בסייעתא דשמיא
MOSHY KRAUS PRESENTS
מימיני מיכאל
שניצלער
נשמה פלאם
מימיני מיכאל
ברכת הבנים
דער טאטע הערט
די נשמה פלאם
MUSIC ARRANGED BY:
ZISHA SCHNITZLER

# הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו!
# לב"י ובשרי ירננו לקל חי!

**ירח האיתנים תשע"ח לפ"ק**

מילים אין בפי ובלשוני מלה להודות לה' יתברך על כל הטוב והחסד אשר גמלני עד הנה, ובפרט בשנה האחרונה, כאשר הוציאני ה' ממצב סכנה רח"ל לחיים ולשמחה ולשלום ברוב כח ועצמה בעזר שמו יתברך.

ובכן אגיש תודה ומנחה ואודה לקל לב"ב חוקר, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה ברוב שמחה, וזכיתי להוציא לאור חלק השביעי מסדרת "נשמה פלאם", מלא וגדוש בדברי חיזוק לעורר את לבבינו לאמונת שמו יתברך, ומשולבים בסיפורי צדיקים הקודמים, אשר סגולתם כבר נודע לזכות לכל, להיוושע בכל מילי דמיטב בזכות הצדיקים הקדושים.

את שם האלבום הנוכחי נקרא "מימיני מיכאל", כי בכל עת שעברה כל התלאות על ראשי הרגשתי בכל עת אשר מלאכי אלקים עומדים מימיני, ועל ראשי שכינת קל, וב"ה שאני בין החיים לספר את כל נפלאותיו לבני אדם.

ותודה מיוחדת באתי בשער היכל הנגינ"ה להביע לכל אלו אשר עזרו וסייעו לי בכל עת, הן בדברי חיזוק לחזקני ולאמצני להוציא לאור עולם זה החלק, והן לאשר עמדו לימיני בכל ענין והעירו הערות חשובות, יהי חלקכם בין מזכי הרבים, לשמח לבבות ישראל בכל עת ועידן.

ובמיוחד הנני מכיר טובה לכל אלו שעזרו וסייעו לי ולמשפחתי בעת אשר עברתי את כל התלאה אשר מצאתני, ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה וכפולה מעם אלקי ישראל.

ובצאתי אפרוש כפי בתפלה, כה יתן ה' וכה יוסיף להשפיע שפע משמי מעל לנו ולכל בני ביתנו ולכל ישראל ישועות ורפואת בכלליות ובפרטיות לנצח נצחים.

**בשבח והודאה מל"ב עמוק לקל רופא חולי עמו ישראל**

מיכאל

לעילוי נשמת חבירי היקר משמח אלקים ואנשים
ר' **משה אהרן** ע"ה
ב"ר **שמואל זאב הלוי** ע"ה **שווארצבורג**
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

לעילוי נשמת גיסי היקר
הב' **יוסף** ע"ה
ב"ר **יעקב דוב הלוי** ע"ה **פעלדמאן**
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

# Experience toy shopping like never before...

**Wide aisles, everything beautifully displayed... Huge selection of games and specialty items... Brand names at closeout prices...**

Toys4u

**BORO PARK** 4714 13TH AVE. **718.435.TOYS (8697) - WILLIAMSBURG** 232 LEE AVE. **718.643.3400**
**MONSEY** SHOPPERS HAVEN MALL **845.425.8010 - LAKEWOOD** LAKEWOOD PLAZA **732.243.8697**

# The most exciting toys are here!

# Credits & Thanks

An MK Production

**Produced by** Moshy Kraus

**Co Produced by** Zisha Schnitzler

**Idea and Concept** Zevy Fried

**Music Arranged by:** Zisha Schnitzler
Track #7 by Anchy Ekstein

**Project Manager:** Yermia Tessler

**Engineered by:** Moshe Kraus, Zisha Schnitzler, Israel Oierbach, Chaim Gottesman, Michael Tzi, Lazer Levy

**Recorded at** MK Studios, Schnitzler Studios, Gal Kol Studios, Tenor Studios, Shevach Studios, Sound Sonic Studios in London

**Mixed by:** Ruli Ezrachi, Gershy Schwarcz

**Mastered by:** Yaniv Balas

## Orchestra

**Drums:** Avi Avidani

**Guitars:** Avi Singolda , Nachmen Dryer

**Bass:** Shlomo Spilman

**Piano and Keys:** Zisha Schnitzler

**Brass:** Daniel Flam and Co.

**Woodwinds:** Nitzan Ain Abar, Shmaye Karpen, Danny Flam

**Strings:** Chaim Yitzchuk Goldman

**Violin:** Shimi Veitzhendler



My best friend
**Raffie The King**

**Choir Arranged by:** Moshe Kraus, Yossi Glick, Isumer Orgel - Zimra, Gershy Schwarcz

**Adult Choir Members:**
שרגי ליכטער, משה ראזענבערג, יושע גוטמאן, משה ווייס, ירמי׳ טעסלער,
יואלי גליק, משה הערצל, אלי׳ שפיטצער, שלמה קנאבלאך, אהרן הלוי, העשי ג.,
יושע ראזענבלום, חילי געגוט, ברוך גאלאנדויער, אלי׳ בשבילי,
הערשעלע ראזענבערג, דוד שווארץ

**Kids Choir by:** MK, שבח Studio

**Child Soloist:** Yoely Glick



### זאבי פריעד
אזא געטרייער פריינט!



### משה קרויס
א געשמאק דיר צו האבן צו די האנט!



### מיין נעפיו זושא׳לע
א זעלטענער טאלאנט!



### דוד קויפמאן
מען טרעפט נישט נאך אזאלכע היינט!



### גרשי שווארץ
די טאלאנט אויף דיין פנים שיינט!



### נפתלי הירצקא
**אומגלויבליך!** געשמאק און בא׳טעמ׳ט!

## ארגון בלב אחד
בראשות הרב דודי ווייטמאן שליט"א

א ספעציעלע דאנק

די בעסט
אויף די בעסט

**אלי׳ וועבער**
**לייבי מאשקאוויטש**
**שלומי באנדא**

**נפתלי משה**
For always being there for me!

# הארציגע דאנקען

My Voice Teacher: החזן נתן גליק

## מיינע געטרייע פריינט, די חשוב'ע זינגערס

בנימין (יאמי) לעווי, בערי וועבער, בצלאל (צאלי) גאלד, וועלווי פעלדמאן, יואל פריינד, יואלי גרינפעלד, יואלי פאלאטשעק, יואלי פאלקאוויטש, יושע בערקא, יחזקאל לעווי, ישראלי ווערדיגער, לוי יצחק פאלקאוויטש, מנחם מאשקאוויטש, משה אייזנבערג, נחמי' בראד, שאולי וואלדנער, שלמה דאסקאל, הרב שלמה טויסיג, שמילי אונגאר, שמעון ענגל, קלמי שווארטץ, חיים בלומענפעלד, שלום לעממער, יענקי לעממער, דובי מייזעלס, הערשי מאשקאוויטש, דודי קנאפפלער, יואלי ווייס, אברהם יצחק גאלדמאן, חיים מאיר ערפס CME, וואלווי ראזענבערג, לייבי ווידער

## און אלע מוזיקאנטן כ"א בשמו הטוב יבורך!

Radio Casters: Yossi Zweig - The Z Report, Nachum Segal, Zev Brenner, Country Yossi, The Cool Jew, מנחם טוקר, תומר כהן,
ראדיו קול חי – יוסי גיל, דוד קליגר (תם גאנץ), יוסי איזנטל

**א ספעציעלע דאנק פאר אלע היימישע אידישע מוזיק שרייבער און קאמפאזירער, השי"ת זאל אייך אלעמאל שטיין צו די רעכטע האנט!**

**Photography:** Eli Wolhendler

**Special Thanks to all sponsors and participants**
זושא און שרגא שניצלער, לע"נ אביהם ר' יצחק יודא ב"ר משולם זושא שניצלער ע"ה

Toys4u · KLEIN'S כשר Real Kosher · PREFERRED GOLD · Preferred HOME CARE OF NEW YORK · MS Optical

## פאר מיינע טייערע ידידים וועלכע שטייען מיר צו די האנט ווען אימער:

תלמוד תורה ישיבה קטנה וישיבה גדולה תפארת עטרת בחורים ד'טשאבע - ברוקלין, מאנסי, ק"י, א"י, מיאמי, אנטווערפן, וויכי, אלי' וואלהענדלער, חילו פאזען (המזמרים), חיים יוסף שטיינבערגער, משה ווייס ומשפחתו (London), שמילי מאשקאוויטש (W81) ושותפו מאיר לאקס(W136) יואל שווארץ (Staten Island), דובי טעססלער, ארי גראס, הערשי רובינשטיין (די וואך), יוסף רובינשטיין (א"י), שמעלקא פאפער (סי-געיט), אברהם יצחק גאלדמאן, הרב יוחי בריסקמאן וכל הלוצק'ע מתפללים, מאמענט מאגאזין, וועלוול שמעלצער, קול מבשר.

Rabbi & Rebetzen Alexander and Chana Kaller & Family (Russian Center, Sunny Isles Beachת FL).

Yossi Tepper (Video Maven), Yeedle, Moishe Horowitz, Shia Mendlowitz, Danny Finkelman and Mauricio Arenas, My Brother Chananya (Yumtee), Yishai Hecht, Ari Klein, Bentzi Herbst - MS Optical, Moshy Kestenbaum, Motty Jecobowitz, Rabbi Nuchem Dunner

**אות הכרת השובה צו אלע מיינע חברים און ידידים פון איבער די וועלט! זאל אייך דער באשעפער אלעמאל באצאלן אלע גוטע ברכות!**

**FREE MUSIC STREAM 24/6**
**WWW.MICHOELSCHNITZLER.COM**

WWW.KIKAR.NET
WWW.MAHNISHMAH.COM
WWW.SHLAGER.NET
WWW.THECOOLJEW.COM
WWW.THEYESHIVAWORLD.COM
WWW.TOPJEWISHMUSIC.COM
WWW.VOSIZNEIAS.COM
WWW.YIDEOTUBE.COM
WWW.YIDLIVE.COM
WWW.ZINGMIT.COM

WWW.IVELT.COM
WWW.BHOL.CO.IL
WWW.CHASIDINEWS.COM
WWW.COLLIVE.COM
WWW.DOSMUSIC.CO.IL
WWW.GRUNTIG.NET
WWW.JEWISHHITS.COM
24 HOURS FREE TOP JEWISH MUSIC
WWW.JEWISHINSIGHTS.COM
WWW.JEWISHMUSICREPORT.COM



## ליפא

הלוואי וואלט איך
געהאט די ווערטער
דיר צו באדאנקען!



## פינקי
### מלך הבדחנים

"נשמה פלאם" איז גארנישט
אן פינקי'ס סטעמפל!



## מאטי

כ'האב געזוכט אין די גאנצע
וועלט, און נישט געטראפן
נאך אזא טאלאנט ווי דיר!

**א דאנק און הכרת הטוב פאר אלע**
**שלוחי דרחמנא וואס האבן געהאט א**
**חלק אין מיין רפואה און מיין נייע לעבן**



**Dr. Allan Stewart, MD**
Director of aortic surgery and co-director of the heart valve center in the Department of Cardiothoracic Surgery at Mount Sinai Hospital, New York, NY



**Dr. Martin E. Goldman, MD**
Head Cardiologist (Heart Specialist)
in Mt. Sinai Hospital,
New York, NY

**ר' משה נתן בראווער והשני בדומה לו ר' ישעי' בערנאטה, הרב שמחה סקאהלער (חי לייפליין),**
**הרב אלכסנדר קעללער שליט"א - רב דקהל עולי רוסיא, סאני איילס פלארידא, הרב שלמה מאיער,**
**הרב איציק טווערסקי, הרה"צ ר' אליעזר האגער שליט"א, סאטמאר ביקור חולים, חסד 24/7,**
**אלע מיינע געטרייע געשוויסטער און גוטע פריינט, ואחרון חביב מיין געטרייע ווייב שרי תחי'**
**מיט מיינע זיסע קינדערלעך און אייניקלעך, ספעציעל פאר בערי און רייזי!**

**דער באשעפער באצאלט אייך מיט אלעם גוטן!**

וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ
וועו מיר וועלן אונזערע אויגן
צום בורא מיט א תפילה

וַאֲנִי אֶעֱנֶה
ענטפערט ער אונז מיט
ליבשאפט.

עס זענען פארהאן דריי סארט ענטפערס

**1 מיין קינד איך וועל דיר נאכגעבן דיין געבעט**

**2 נאכנישט יעצט, מיין קינד**

**3 ליב קינד, איך האב פאר דיר אנגעגרייט פיל בעסערס!**

הראינו ה' חסדיך, ווייז אונז חסדים וואס מיר קענען זעהן און פארשטיין






www.koshericecream.com follow us @kleinsicecream

לחן • סיפור • חרוזים:
פנחס מרדכי וועבער



# 1
# לכף זכות

וואונדערליך
די קינדערלעך
שוין העכער קינדערגארטן שוין
צו זיין מיט,
דעם מלמד
די קינדערלעך ווארטן שוין
עס איז שוין באשטעטיגט
דער מלמד האט פארשפעטיגט

אה, דא איז ער
ר׳ אלעזר
אין חדר ער קומט כסדר אריין
קיין שאלה נישט
אין איילעניש
ווי נאר ער קומט אין חדר אריין
שטעלט זיך אויף א קינד והנה נצב
ווייזט אויפ׳ן זייגער ווי א מחוצף

דער מלמד כעס׳ט
וואס הייסט ער ווייזט
דער קליינער יוסף פרץ
אזא עזות, מה זאת
כ׳וועל אים לערנען דרך ארץ
פון מיין כתה כ׳וועל אים געבן א טראסקע
אזא חוצפה יסגי

דער קליינער וויינט
כ׳האב נישט געמיינט
נישט דאס געווען מיין כוונה׳לע
נאר ווייל דעם חומש האב איך גוט געקענט
מיין טאטע לויפט
פאר מיר ער קויפט
דעם זייגער א מתנה׳לע
ס׳איז די ערשטע טאג
וואס כ׳טראג דאס אויף מיין הענט

א גאנצע נאכט
האב איך געטראכט
פאר וועם דאס ערשטע ווייזן געזאלט
איך זאל אים קענען נחת געבן
תיכף גלייך, די ערשטע זאך
ווען דער רבי וועט קומען האב איך געוואלט
ווייזן דעם זייגער פאר מיין רבי׳ן

**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**כל אדם לכף כף זכות**

**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות**
**כל אדם לכף כף זכות**

זיי דן דיין חבר גאר שיין
ווי דו ווילסט מ'זאל דן זיין דיך אליין
ווייל ווען מ'וועט דיך אמאל דן זיין
און דארט וועט דיין טענה זיין
מען זאל דיך דארט אויך גוט דן זיין

באשליס נישט אויף א ביכל נאר פון איר דעקל
עפנסט אויף טרעפסטו גאר א שווער פעקל
פון דיין חבר מאניש
קוקן שלעכט מ'טאר נישט
ווייל דו ווייסט וועגן אים נאך גארנישט

ווייל נאר דער באשעפער אליין
וואס טוט אין הערצער ווייל
נאר ער קען היילן
וואס הערצער קענען נישט דערצייל
און ווילן נישט מיט אנדערע מיטטיילן

ווייל נאר דער באשעפער אליין
אוי מענטשעלע וואס ווייסטו דען
מענטשעלע וואס פארשטייסטו דען
צו א הארץ וואס לאזט א שטילן טרער
דן זיין קען ווער נאר ער

עת משוש
די שמחה גרויס
דאס יונגסטע קינד האט חתונה

ר' שלמה'לע
אין בדומה לו
א צורה א געלאסענע

א ספעציעלן כאראקטער טראגט ער
ניטאמאל א סעלפאן פארמאגט ער

ער לויפט ארום, אומעטום
אין אן עלטער נישט קיין יונגערן
אויב איך מעג
ר' קלמן פרעגט
צי קען איך דיר פארגרינגערן
דעם חתונה טאג, עס קען דיר העלפן
איך וועל דיר בארגן אויף היינט מיין טעלעפאן

ביינאכט ר' קלמן, און זיין זון ר' זלמן
ביי די חתונה טאנצן בקול תרועה
מזל טוב וואונטשן זיי פון הארצן טיפן

ר' שלמה קוקט
אויף אים ער בליקט
ער זאגט ר' קלמן להוי ידוע
קיינער האט דיך נישט גערופן

אוי זלמן ברויזט
ער האלט דעם פויסט
אזוי פארשעמען אזוינס צו זאגן
ניין מיין קינד
פון מיין טעלעפאן רעדט מיין פריינט

זיי נישט באזארגט
כ'האב עס אים געבארגט
ער וויל מיך נאר בארואיגן
קיינער האט מיך געזוכט אויפ'ן טעלעפאן היינט

הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
כל אדם לכף כף זכות

הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
כל אדם לכף כף זכות

זיי דן דיין חבר גאר שיין
ווי דו ווילסט מ'זאל דן זיין דיך אליין
ווייל ווען מ'וועט דיך אמאל דן זיין
און דארט וועט דיין טענה זיין
מען זאל דיך דארט אויך גוט דן זיין

באשליס נישט אויף א ביכל נאר פון איר דעקל
עפן אויף קענסטו טרעפן א שווער פעקל
פון דיין חבר מאניש
קוקן שלעכט מ'טאר נישט
ווייל דו ווייסט וועגן אים נאך גארנישט

ווייל נאר דער באשעפער אליין
וואס טוט אין הערצער ווייל
נאר ער קען היילן
וואס הערצער קענען נישט פארצייל
און ווילן נישט מיט אנדערע מיטטיילן

ווייל נאר דער באשעפער אליין
אוי מענטשעלע וואס ווייסטו דען
מענטשעלע וואס פארשטייסטו דען
צו א הארץ וואס לאזט א שטילן טרער
דן זיין קען ווער נאר ער

הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
הוי דן הוי דן את כל אדם לכף זכות
כל אדם לכף כף זכות

# 2
# א מצה אין אויוון



לחן • חרוזים:
פנחס מרדכי וועבער

סיפור:
הרב פסח קראהן שליט"א

**ערב פסח שטייט מען שוין, נאך חצות**
**מיט'ן רבי'ן גייט מען שוין, באקן מצות**
**אנגעטון מיט'ן ווייסן שירצעלע**
**מען בעט ס'זאל זיין, באוויליגט נרצה'לע**
**אויף אזא מחזה הוד אין אין להקשות**

**שוין אנגעגרייט די ברעטער**
**דער שיסל שויןביים קנעטער**
**מ'קנעט שוין איין די מיירע**

**אין הימל איז מען מתפלל**
**מען ווארט שוין אויפ'ן הלל**
**אויף די טרערן די טייערע**

**מ'הייבט אָן זאגן דעם הלל לעילא ולעילא**
**צווישן זיי איז אויך אונזער ר' ישעי'לע**
**וואס הערט נישט אויף וויינען,**
**און זאגט דעם הלל מיט התרגשות**

**גאר אַן אלטער איד**
**ר' ישעי' ביים אויוון שטייט ער**

**מיט'ן לעצטן כח'ל אזוי מיד**
**לשם מצות מצוה שרייט ער**
**ר' ישעי' ליבער**
**איר זענט דאך נישט דער איינציגסטער שיבער**
**אפשר לאזט איר צו אַן אנדערן אין די רייע**

**ס'איז געווען אַן אנלויפעניש**
**מ'האט מיט אים גע'טענה'ט**
**איך גיי בשום אין אופן נישט**
**אוועק פון דאנעט**

**אז איר וועט הערן דעם סיפור,**
**וועל איך אייך פארשטיין גיבן**
**פארוואס איך וויל דוקא יא שיבן**
**הערט א מעשה אשר חָזָה ישעי'**

אוי ביים הארץ רייסט
מיליאנען נעבעך פארגאזט
אין אוישוויצער גיהנום
אינעם ביטערן זמן יענעם
דעם בורא פארשטיין ווער קען אים

דאס קען אפילו נישט, דער גרעסטער מלאך אויבן

געווען בין איך קוים ניינצן
דערשראקן אינגאנצן
ווי עס פלאקערן און שפרינגען
די פייער צינגען
האבן זיי מיר ארויפגעצווינגען
ארייגלייגן די הייליגע גופים אין קאלעך אויוון

אויף מיין שאוועלע
מיין חבר דוב'לע
מיט'ן שאוול אין די הענט
צום פייער וואס ברענט
וויפיל פנימ'ער האב איך ליידער דערקענט
מיינע חברים, מיר וועלן זיך זען מיט משיח

ארויסגענומען פון א וועגעלע גאר שמאל
נאך א כהן, נאך א לוי, א ישראל
צום פייער זיי געיאגט
דאס געוויסן האט געפלאגט
איך האב די גאנצע נאכט געוויינט און געקלאגט

און געזאגט
טאטע פארוואס פונקט איך

א אידעלע אין אויוון אריין
אוי נקום נקמת דם
נאך א אידעלע אין אויוון אריין
א מאמע מיט איר קינד צוזאם

ווי און ווינד, צו אזעלכע אויגן
וואס האבן געזען וואס איך האב געזען
צי וועט די וועלט, נאך זיין באוואוגן
און גלייבן דאס איז אמאל געשען
אוי, מי יודע

א אידעלע אין אויוון אריין
אוי נקום נקמת דם
נאך א אידעלע אין אויוון אריין
אוועק מיט'ן פלאם

ווי און ביטער, אזא שאנד
צו אזעלכע הענט וואס האבן דאס געקענט טון
וויאזוי האסטו נישט מורא געהאט, מיין האנט
וואס וועסטו ענטפערן ביים יום הדין
אוי, שרייט זיך דארט ר' ישעי'

**כהן לוי, כהן לוי ישראל**
**אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל**
**אוי געוואלד, אוי געוואלד,**
**יודעלעך זייט מיר מוחל**

מיין הארץ טוט מיר פאר ענק אלע ווי
איך וואלט זיך געטוישט מיט ענק, הלוואי
איך וויל כאטש מיט ענק מיטגיין,
די הויכע עולמות

**כהן לוי, כהן לוי ישראל**
**אוי געוואלד, אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל**
**אוי געוואלד, אוי געוואלד**
**יודעלעך זייט מיר מוחל**

דם עבדיך השפוך
מיט די זכרונות גיי איך און שלאף איך
איך וועל קיינמאל פארגעסן פון ענק,
הייליגע נשמות

יעצט פארשטייט איר שוין אליין
פארוואס ביים אויוון וויל איך דווקא שטיין
יעדער האט זיין תיקון
ביז'ן טאג דעם היינטיגן
טראכט איך וואס קען זיין מיין תיקון
איך קוק ארויף צום קל טוב וסלח אויבן

ווען איך שטיי נאכאמאל ביים הייסן אויוון
באקן מצות פאר די הייליגע ימים טובים
איר האט אלע געזען אין מיר
וויפיל טרערן איז געווען אין מיר
ווייל איך זע נישט מצות נאר פנימ'ער
זאלן די טרערן מכפר זיין, אויפ'ן קאלעך אויוון

א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
נאך א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
מתרצה ברחמים, אוי מתרצה
ומתפייס בתחנונים
זאל זיין א כפרה פאר מיר יעדע מצה
כ'האב געמוזט אויספירן אזעלכע דינים
אוי, מיט טרערן איך קלאג

א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה
נאך א מצה אין אויוון אריין, לשם מצות מצוה

הייליגער טאטע, פאר מיר פארציי
ווען איך שטיי, ביים אויוון די הייסע
און איך בעט מיך איבער מיט זיי
ונקיתי דמם לא נקיתי
אוי, מיט א קרעכץ איך זאג

**מיין כהן, מיין לוי, מיין כהן, לוי, מיין ישראל**
**אוי געוואלד אוי געוואלד טאטע זיי מיר מוחל**
**אוי געוואלד אוי געוואלד**
**יודעלעך זייט מיר מוחל**

כהן פאר די אלע כהנים
וואס זענען געווארן שרפים ואופנים
זאלן זיין לזכותם די אלע הייליגע כזיתים

**נאכאמאל, כהן, לוי, כהן לוי ישראל**
**אוי געוואלד אוי געוואלד, טאטע זיי מיר מוחל**
**געוואלד געוואלד געוואלד**
**יודעלעך זייטס מיר מוחל**

לוי, אנשטאט די אלע לוויים
זאל מקויים ווערן די רייד פון די נביאים
און זיך טרעפן מיט די קדושים ביי תחיית המתים

**כהן לוי, כהן לוי ישראל**
**אוי געוואלד אוי געוואלד טאטע זיי מיר מוחל**
**אוי געוואלד אוי געוואלד**
**יודעלעך זייט מיר מוחל**

והשב כהנים לעבודתם
קרבנות נעמען נאך פון עיזים און כבשים
שוין גענוג אידישע קרבנות עד אין קצבה

ונאכל שם מן הזבחים
ומן הפסחים
דארט וועלן מיר אלע שרייען לשם מצות מצוה
**כהן לוי ישראל**

# 3
# ביסט מיין טאטע

את הכל יכול לקחת ממני,
אלעס קענסטו אוועק נעמען פון מיר
אבל לא את יוצרי מלבי
איך וועל אייביג בלייבן טאטע מיט דיר

ה' אחד ושמו אחד
דו ביסט מיין טאטע, מיין גאט
וואס ס'וועט נאר זיין מיט מיר
טאטע איך בלייב מיט דיר

לחן:
יוסי מיללער




In tune with your care.
Happier at home
1.855.PHC.OFNY | PREFERREDHCNY.COM
Preferred
HOME CARE OF NEW YORK
Corporate Office
1267 57th Street, Brooklyn, NY 11219
T: 718.841.8000 F: 718.841.8100

This song was composed in honor
of the Mekimi Organization

לחן: לייבי מְאשקאוויטש
נושא: שמוּאלי מאשקאוויטש
חרוזים: לייבי מאשקאוויטש




# 4
# מימיני מיכאל

**רום 408 דארט אין קאלאמביע שטייט הערשעלע מיט בעטעניש**
**פון זיין טאטענ'ס בעט, קיינמאל אוועק טרעט ער נישט**
**שוין וואכן לאנג ווי דער מצב טויג נישט**
**דער טאטע האט נאכנישט גערירט זיין האנט, געעפנט קיין אויג נישט**
**פלוצלינג באמערקט הערשעלע**
**ווי זיין טאטע פרובירט ריקן דעם אקסעדזשין מאסק**
**זיין אטעם פארשווערט**
**ער בייגט זיך שנעל צו, און דאס איז וואס ער הערט**

מיין קינד פארשטיי
די צער און וויי
אין שפיטאל איך ליג, בין החיים בין המוות

ליידער נאכנישט קיין פארהיילטער
מיינע טעג זענען געציילטע
הער אויס א סיפור, באהאלטן אין מיינע מחשבות

יארן צוריק אין איראן דארט
נישט מעגליך א יוד צו זיין דארט
אין די ביטערע צייטן באלו הימים

אין א בונקער אונטער'ן געביידע
געזעסן מיט מיין טאטע זעמירביידע
געוואן באהאלטן, אבער די אנדערע ה' ינקום דמם

כ'געדענק מיין קינד, כ'בין געזעצן אינעם בונקער אויף דעם קעלער-ערד
אינדרויסן פליען באמבעס, דער מצב יעדן טאג נאר שמעלער ווערט

איין ביינאכט
נישט מער געדאכט
א באמבע העכער אונז האט אויפגעריסן
מיין טאטע מיר דאן געזאגט די ווערטער, כ'וויל דו זאלסט דאס וויסן







געדענק מיין קינד, אמאל דו ביסט אליין עס דאכט זיך דיר
צרות שווערקייטן, יעדן טאג עס מאכט זיך דיר
אויף אלע דרכים
די הייליגע מלאכים
זיי באגלייטן
ביי אלע שווערקייטן
און דארט אינעם בונקער האבן מיר צוזאמען געזינגען

**מימיני מיכאל, באגלייט א מלאך**
**ומשמאלי גבריאל, שטייט א מלאך**
**מלפני אוריאל**
**ומאחורי רפאל**
**ועל ראשי שכינת קל**
**אוי אוי אוי...**

**הערשעלע שטייט נאך נעבן זיין טאטענ'ס בעט, זיין הארץ קלאפט**
**פלוצלינג נעמען זיך אלע מאשינען פייפן, א ציטער כאפט**
**די דאקטוירים קומען צו לויפן, און פונעם שטוב שנעל מ'פארטרייבט אים**
**דאס בילד פון זיין טאטענ'ס לעצטע שמייכל, אין זיכרון אייביג בלייבט אים**

אפאר טעג שפעטער
אין שפיטאל אריין טרעט ער
די דאקטוירים פארציילן אים די שווערע בשורה

דאס הארץ אזוי ווייעדיג
דאס בעט איז נעבען ליידיג
אוי טאטע, תהא נשמתו צרורה

פארפרוירן שטייט ער
פארלוירן זיין באגלייטער
ער האט מער נישט זיין טאטע וואס אייביג שיצט אים

אליין אינדערהיים
המקום ינחם
פלוצלינג זיין טאטענ'ס לעצטע ווערטער אויפבליצט אים

אוי געדענק מיין קינד, אמאל דו ביסט אליין עס דאכט זיך דיר
צרות, שווערקייטן, יעדן טאג עס מאכט זיך דיר
אויף אלע דרכים
די הייליגע מלאכים
זיי באגלייטן
ביי אלע שוועריגקייטן
דעם טאטענ'ס לעצטע ווערטער, איז געווען זיין רפואה

געדענק מיין חבר, ביסט אמאל אין א מצב א געדעכטער
דער באשעפער דיך געשאנקען מיט זיינע צוויי לייב-וועכטער
זיינע מלאכים, מלך מלכי המלכים
זיי געשיקט פאר דיין ישועה
ווען דו פילסט אמאל געדרוקט, זינג די תנועה

**מימיני מיכאל, באגלייט א מלאך**
**ומשמאלי גבריאל - דארט שטייט א מלאך**
**מלפני אוריאל**
**ומאחורי רפאל**
**ועל ראשי שכינת קל**

# 5
# פיינע נייעס



לחן: דוד קויפמאן
סיפור • חרוזים:
שמחה קלאגסברוין
(מעלבארן, אוסטראליע)

**ואהבת לרעך כמוך**

ביים צאנזער רב אין צימער
חסידים, פון וואו אימער,
א געשטופעכטס, ביים גבאי'ן,
יעדער וויל א קוויטל שרייבן

שטייען לאנגע רייען
צום צדיק אריין גייען
חסידים ואנשי מעשה
תלמידים מיט בערד ווייסע

ר' פישל מיט פרייליכע טריט,
שלום דעם רבי'ן גיט,
דערציילט דעם רבי'ן זיס,
כ'קום פון שינאווא צופיס,
איך טו מיט מיר א גריס טראגן,
פונעם שינאווער צום רבין זאגן

דער צאנזער, צדיק ועניו
צהלתו בפניו
פרעגט אים יעצט אצינד,
דערצייל עפעס מיין קינד,
דאס גדלות וואס מ'געפונט,
ביים שינאווער זאל זיין געזונט,

אין שינאווע געזען איך האב געווג,
גירסא מפומיה לא פסיק!
יעדע רגע אנגעזאפט,
מיט'ן ט"ז,
מיט'ן ש"ך,
אינעם ב"ח,
מיט'ן צל"ח,
דער צאנזער התפעלות נישט כאפט,

רבי, איך בין מלא התפעלות,
אזא דאווענען זאגט שוין אלעס,
שיר המעלות מיט'ן טלית
פלאות, אָן גוזמאות,
מיט דמעות,
לאנגע שעות,
דער רב נאכנישט נתפעל פון דאס,

זיין שטערן ער רייבט מיט די האנט
אט א מעשה'לע זיך דערמאנט
אין א שווערע שניי שטורעם,
גייט א יוד גאר ארים,
ס'שניי פאלט ווי זי וויל
נעבעך, נעבעך אָן א שטיוול,

דער שינאווער קוקט ארויס,
ואהבת לרעך שרייט אויס,
די שטיוול זיינע, אָן קיין פלעק,
דעם ארעמאן ער געט אוועק
דער צאנזער רב שטארק נתפעל,
דאס איז א גדול ישראל,

כ'האב א מצות עשה
ווייזן אינטערעסע
מיין חבר זאל געלונגען גיין
ואהבת, פונקט ווי מיר אליין

א איד גייט אין די קעלט
האסט זיך אפגעשטעלט

ואהבת לרעך ער קוועלט
די גרעסטע מצוה אויף דער וועלט

ואהבת לרעך אָן קיין שיעור
אויף יעדן טריט און ריר
דעם חבר האב אינזינען
ליב אים און פארגין אים
זען דאס גוטסקייט אין אים
מעג זיין אפילו בחינם

כל זמן, שהנשמה בקרבי
ליבן יעדן איך טו
א חבר דורך גייט
שמייכל צו אים ברייט
גאר א מצוה א הויכע
ואהבת לרעך כמוך

פון צדיקים זאגט מען נאך ביי הקפות,
די העכסטע יחוד נישט פארשלאף עס
פאר מדריגות און כוונות
פאר הכנות און למדנות
"למען השם האב רחמנות"
טרעט נישט אויף דיין חבר'ס פיס.

מאך דיין חבר פילן א מיליאן,
ווי א קעניג אויף זיין טראן,
ואהבת מיט א בליץ,
לרעך זאג א וויץ,
וואס הערט זיך עפעס גוטס!
מה טוב ומה נעים ווי זיס

ואהבת ווערט אויס ארטיקל
ווען מ'מאכט יענעם פאר א ניקל
אויפ'ן חבר'ס פיקל
טוט אפ א שטיקל,
א ווארט א שמייכל א לאך,
והנה דמו נשפך,

**ואהבת יעדעס אידישע צווייג**
**מ'מיניש זיין דער רשכבה"ג**
**כמוך אָן אחריות**
**גיב אים נישט קיין דעות**
**גיב אים צו א שטיק חיות**
**האלא, דו ביסט פיינע נייעס**

א חבר פרובירט א ביזנעס טשאנס
ער וויל הערן א גוט ווארט דיינס
ואהבת גיב עס גאנץ
לרעך מיט א גלאנץ
דו ווילסט אויך אזוינס
איך קום דיר העלפן ברודער מיינס

ואהבת לרעך מיט פרייד
יא, אויך ווען יענעם גוט גייט
זעסט, ס'פרייליך מיט אים
נשתנו העיתים
עס גייט אים גוט דער פיטום
פריי דיך מיט אים אמת'דיגערהייט

דאס איז די תורה נאר
ואידך פירושא זיל גמור
ליב אים מיט געשמאק
נישט גיבן אים א האק
א שמייכעלע יענעם געבן
ס'קען ראטעווען זיין גאנצע לעבן

**איך ליב יעדע אידישע צווייג**
**מוז נישט זיין דער רשכבה"ג**
**דעם קאפ אים נישט פארדריי עס**
**גיב אים נישט קיין דעות**
**גיב אים צו א שטיק חיות**
**אידעלע ביסט פיינע נייעס!**







# 6
# מיין הארץ

לחן • נושא • חרוזים:
מאטי אילאוויטש



ביי חנוכה לעכט, באלד נאכ'ן
אהיימקומען פון שפיטאל

קינדערלעך טייערע, איך פיל מיך זייער גוט
דאס זענען געווען מיינע ווערטער יעדע מינוט,
כאטש וואס מיין פיס איז מיר געשוואלן
מיין אטעמען איז מיר נישט געפאלן
דאך, קינדערלעך טייערע, איך פיל מיך זייער גוט.

טאטי, ניין, דו פילסט דיך נישט גוט
גיי אונטערזוך דיך, דיין צוקער, דיין מח, דיין בלוט,
א הצלה-מאן סוכות ער טרעפט מיך
מיט א גרויסן דאקטאר ער באהעפט מיך
ער זאגט מיר: מיכאל, גלייב מיר דו פילסט דיך נישט גוט.

דער דאקטאר קוקט מיך אָן, און אונטערזוכן מיך פרובירט ער
ער ווערט בלאס ווי דער וואנט, און שרייט אויס א שאקירטער,
דיין הארץ איז דיר פארשטאפט, ווי קען זיין אז דו לעבסט נאך
דו רעדסט, דו שטייסט, און גאר דו זינגסט און דו טעיפסט נאך.
מיט א שמייכל זאג איך: דאקטאר, הער וויאזוי איך טו-עס
איך לאז נישט קיין פראבלעמען פארלעשן מיין חיות,

איך בין מיט'ן באשעפער, איך האב באמת קיין מורא נישט
ווייל שלעכטס קומט ארויס פונעם בורא נישט.

**איך בין א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**איך בין הייליג, גארנישט טוט נישט וויי, בכלל.**

**איך בין א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**איך בין הייליג, גארנישט טוט נישט וויי, בכלל.**

**דער באשעפער טוט נישט שלעכטס פאר זיך אליין**
**ער ווייסט דאס בעסטע וויאזוי עס דארף צו זיין.**

קינדערלעך טייערע, איך פיל מיך זייער גוט
צום אפעראציע איך גיי שוין אריין אין אפאר מינוט,
אונז זיך מיר דארט אלע אין פארצימער
ארומשמועסן ווי געהעריג אונז טו מיר
דער דאקטאר פארשטייט נישט ווי קען זיין איך פיל מיך אזוי גוט.
אט עפן איך דיין הארץ, יפתח לבנו



אינדערפרי נאכ'ן אפעראציע





א וואך נאכ'ן אפעראציע

וויפיל מאכן עס נישט דורך לא עלינו,
איך זאג אים, איך האב קיין שום פחדים
פון דאקטוירים מיט גרינע בגדים
איך בין מיט'ן בורא, ס'קען דאך נאר זיין גוט.

דער דאקטאר שטוינט: איך טו דאס שוין איבער שלושים שנים
איך האב נאך קיינמאל איינגעשלעפט א פאציענט
מיט אזא שמייכל אויף זיין פנים,
די אפעראציע פיין געלונגען ברוך השם-איז
כאטש עס פארט ארום אז ברוך דיין האמת.

צוריקבאקומען מיין געזונט, פון הימל א מתנה
איך ווייס קלאר אז לטב איז כל מה דעביד רחמנא,
קיין שרעק, קיין זארג, אידעלע לאז דיך נישט פארפירן
ס'איז דאך נישט מעגליך אז שלעכטס זאל דיר פאסירן.

ווייל:
**דו ביסט א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**דו ביסט הייליג, גארנישט טוט נישט ווי, בכלל.**

**דו ביסט א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**דו ביסט הייליג, גארנישט טוט נישט ווי, בכלל.**

**דער באשעפער טוט נישט שלעכטס פאר זיך אליין**
**ער ווייסט דאס בעסטע וויאזוי עס דארף צו זיין.**

אידעלע, גערעכט, נישט אלעמאל איז גוט
ליידער מאכן אידן אזויפיל מיט,
צרות, נסיונות געפערליך
אויפ'ן הארץ איז דאך אזוי שווערליך
דיין אייבערשטער טוט דאס, מוז זיין אז ס'איז גוט.

נעם דאס אריין אין קאפ, הער וואס מיר פארציילן דיר
דו ביסט נישט נעבן דעם באשעפער, נייערט ער איז גאר א טייל אין דיר.
ביסט א איד, א חלק אלקי, געבינדען און געקניפטע
ער איז 'אין' דיר, אין זמנים גוטע און געציפטע.

ער ווייסט דאך דאס בעסטע וויאזוי זיין וועלט צו פירן
השלך על ה', און לאז דיך נישט פארלירן,
גיי ארום מיט שטארקייט, וויש אוועק דעם געוויין
געדענק אז אונז מיט'ן באשעפער זענען איין!

**איך בין א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**איך בין הייליג, גארנישט טוט נישט ווי, בכלל.**

**איך בין א חלק, אלקי, ממעל, אוי ממעל**
**איך בין הייליג, גארנישט טוט נישט ווי, בכלל.**

**דער באשעפער טוט נישט שלעכטס פאר זיך אליין**
**ער ווייסט דאס בעסטע וויאזוי ס'דארף צו זיין.**



# 7

# לבי

לחן • חרוזים:
מאטי איללאוויטש

# לְךָ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָנָי אֶת פָּנֶיךָ ה' אֲבַקֵּשׁ

(תהלים כז, ח)

יא, איך ווייס איך בעט פון דיר אסאך
כל מיני בקשות, טאטע והוא ישלח,
דאס און יענץ, אלעס וויל איך פון דיר גלייך
אבער מער פון אלעם וויל איך איין זאך.

זיין נאנט צו דיר ה' אלקי
הלוואי שוין זען דיין פנים, אוי טאטע הלוואי,
לך אמר לבי בקשו פני
די בקשה איז מער ווי אלע פון זיי.

**מיין הארץ, מיין הארץ;**
**מיין הארץ האט מיר געזאגט - לבי אמר לי**
**עס בענקט און עס נאגט - פניך ה'**
**את שמך בעולם נקדש**
**אמר לבי פניך ה' אבקש.**

**מיין הארץ, מיין הארץ;**
**מיין הארץ האט מיר געזאגט - לבי אמר לי**
**א תשוקה עס פארמאגט - פניך ה'**
**עס גלוסט צו דיר מיין גאנצע בלוט און פלייש**
**אמר לבי פניך ה' אבקש.**

MAKING PEOPLE LOOK GOOD

for over



40

YEARS

5202 16th Avenue Brooklyn, NY 11204
Tel. 718.436.5900 Fax. 718.854.0570
www.msopticalstore.com

**NEW LOCATION** COMING SOON!
**Lakewood New Jersey**
at The Avenue Shoppes

MS Optical



# 8
# רבי ישעי'לע

**לחן • סיפור • חרוזים:**
**ליפא שמעלצער**

רבי ישעי'לע קערעסטירער
פון חסד דער פירער
איי מ'קען ווערן נתפעל
איי זיין אהבת ישראל

ארעמע, און בלוטיג
דערהויבענע, גוטמוטיג
איי מ'ווערט אַן אנדערער מענטש
איי ווען ר' ישעי'לע בענטשט

איין טאג דער נאמען
דאס קוויטל אברהמ'ען
איי ס'האט זיך עפעס געטון
איי ס'איז רבי ישעיעלע'ס זון

דער גבאי לויפט אינמיטן
רבי, אברהם האט שניטן
איי ס'וועט זיין אבער גוט
איי ס'איז נאר א קליין שניט

רבי ישעי'לע הייבט אָן וויינען ווי א קינד אין וויגל
פארשטיין דעם פשט איז קיינער מסוגל
רבי, דו הערסט דיבורים
פיל גרעסערע יסורים
איי וואס איז דער געוויין
אוי דער שניט איז גאר קליין

**מיין קינד מיין געליבט קינד**
**ווער קען פארשטיין אונזער בינד**
**כ'האב געמיינט איך פארשטיי דעם צער פון יעדן איד, יעדן איד**

**אבער יעצט זע איך אז וויפיל איך פארשטיי**
**קומט עס נישט צו, צו מיין ווייטאג,**
**ווען מיין אייגן קינד טוט וויי א גליד**

מיין קינד, מיין געליבט קינד
ווער קען פארשטיין אונזער בינד
כ'האב געמיינט איך פארשטיי די צער פון יעדן איד, יעדן איד
יעצט זע איך





הולחן לעי"נ אבי מורי הרה"ח ר' ראובן ב"ר משה יוסף ע"ה, שהשריש בי אמונת צדיקים מילדותי



ליפא און מיכאל בשנים קדמוניות

עס קומט נישט צו צו מיין אייגענע ווייטאג
ווען מיין אייגן קינד טוט וויי א גליד
עס ציפט מיין הארץ ווען מיין קינד טוט עפעס וויי, טוט עפעס וויי
טוט מיר נאכמער וויי

קל קל אדון
שוין געגוג זיך געבאדן
איי ס'איז נישט א קליין שניט
איי וויאזוי ציילט מען בלוט

טוב השם לכל
צו יעדן ביסטו וואויל
איי פארהאן איז א בינד
איי ס'איז גאנץ אנדערש א קינד

מען קען שפירן ווייטאג
פון יענעם ווען זיי קלאגט
איי די אויגן זיך צינדט
איי ווען ס'איז אַן אייגענע קינד

אייבערשטער, זע די ווייטאג פון דיין קינד אין וויגל
וויל מיר קענען מער נישט שלעפן די שווערע ציגל

איי דאס איז דער געוויין
איי דאס איז דער געוויין

מיין קינד, מיין געליבט קינד
ווער קען פארשטיין
איך האב געמיינט איך פארשטיי די צער
פון יעדן פון אייך, יעדן פון אייך

יעצט זע איך
עס מוטשעט זיך מיט ווייטאג אַן אייגן קינד
שוין אזויפיל אפגעבריט
און די תורה דאך איר היט

**מיין קינד מיין געליבט קינד**
**ווען איינער איז נישט געזונט**
**בין איך דער טאטע מאמע וואס שטייט דארט ביים בעט און איך היט**

**פונקט ווי יעדע טאטע מאמע**
**וואס גיסט פול מיט ליבשאפט**
**שפיר איך אויך ווען דיר מיין קינד טוט עפעס וויי**
**יא איך שפיר, ווען דיר טוט עפעס וויי**
**טוט מיר עס נאכמער וויי**



# 9
# נאר גוט

לחן: שמוליק דושינסקיא
חרוזים:
נפתלי הירצקא ראזענבערג

דער קעניג דארטן
ביי דעם בארטן
מיט פראכט ער גייט

זיין מוט א גוטע
מיט זיין סוויטע
ער ווערט באגלייט

אומעטום
קוקט זיך אום
ביי זיך ער טראכט
איי, מיט יושר פיר איך מיין מאכט

אזוי קוקט ער
אַן אנטציקטער
פלוצלינג ער זעט

א קליין קאזאק
געט א האק
ווי אין א ברעט
א דארטשיג אידל

אוי, צוהאקט ער
יעדעס גליד
בלויז ווייל ער איז א איד

ער איז געווארן
אזוי אין צארן
מיט די פויסט ער געט א קנאק

א באפעל א שטרענגען
צו אים ברענגען
דעם איד מיט'ן קאזאק

קיין צייט פארלירן
אין תפיסה פירן
דעם שלעכטן קאזאק
ביז איך געב ארויס דעם פסק

נאך באפעל איך
שרייט דער מלך
מ'קען נישט ווארטן מער
א פראפעסער

אוי וואס גרעסער
צום אידל ברענגט אהער

אים אויסהיילן
אלע טיילן
פון זיינע וואונדן
שוין לויף ביז געציילטע סעקונדען

דעם אורטייל טוט דער קעניג באשטימען
פאר יעדן קלאפ וואס דו האסט באקומען
טויזענט רובל דערפאר
באקומסטו אלס שכר
אלס באלוינונג פאר די ווייטאג
וואס איז געווען אזוי שווער

נאך דעם אורטייל דער איד נעבעך וויינט
מיט וואונדער פרעגט דער קעניג
וואס דאס מיינט
ער ענטפערט שטיל צוקלאפט
ווען איך וואלט מער געכאפט
וואלט די באלוינונג געווען נאך פיל מער



**איי, ברודערל ס'איז כדאי דו זאלסט טראכטן**
**אסאך מאל דעם מענטש, אים קען זיך דאכטן**
**ס'איז נישט באקוועם**
**זעט אויס שווער פאר אים**
**ס'איז זיכער גוט, קוק נאר טיפער אין דעם**

**ברודערל מאך נישט דעם טעות**
**געדענק מפי עליון לא תצא הרעות**
**ס'איז זיס גארנישט ביטער**
**ווייל נאר גוטס טוט ער**
**אונזער ליבער טאטע, דער געטרייער גוטער**

א איד ר' זעקל
האט א פעקל
פון צרות איז שוין פול

ווען טרערן גיסן
נעמט זיך שמועסן
מיט ר' שלמה'קע פון זוועהיל

אוי עס שניידט
אוי איך לייד
אזויפיל צער און פיין
וויאזוי קען איך בשמחה זיין

זיין ווייטאג הערט ער
אזוי ערקלערט ער
אלעס גייט אין שפאן



נעם אין אכט נאר
און באטראכט נאר
דעם ארימאן

ווען ביי די טיר
פון גביר
א נדבה'לע ער בעט
א מאדנע זאך דארט געשעט

ער שטייט פארשעמט
ווי געלעמט
אנגעצויגן שטיל

פול מיט דאגה
הערט די פראגע
דער עושר וויסן וויל

האסטו ביי דיר
רעשט פאר מיר
א צענער מיין פריינט
פארשטייט ער שוין וואס דער עושר פלאנט

און אויב זעט ער
רעשט בעט ער
צי האסטו פופציג

איז ער נישט פארוואונדערט
ווייל נאך הונדערט



ס'קומט דאך נאך מיט גליק
און ער פארשטייט
וואו דאס גייט
אז ביים נעמען רעשט וואס מער
אלס גליקליכער איז ער

דערפאר זיי נישט פארקלעמט
מיין נישט אז פון דיר מ'נעמט
נאר אדרבה
ס'ווארט דיך להבא
א באלוין א גרויסע פאר דיינע צרות ווייען

גייסט דורך מצבים אזוי שווער
דערפאר באקומסטו גוטס פיל פיל מער
און יעצט אז דאס ווייסטו
די סיבה פארשטייסטו
פארוואס מיט דיין פעקעלע
דו דארפסט זיך פרייען

**יעצט ברודערל ס'איז כדאי דו זאלסט טראכטן**
**אסאך מאל דעם מענטש, אים קען זיך דאכטן**
**סאיז גארנישט באקוועם**
**זעט אויס שווער פאר אים**
**ס'איז זיכער גוט, קוק נאר טיפער אין דעם**

**ברודערל מאך נישט דעם טעות**
**געדענק מפי עליון לא תצא הרעות**
**ס'איז זיס גארנישט ביטער**
**ווייל נאר גוטס טוט ער**
**אונזער ליבער טאטע, דער געטרייער גוטער**




# 10
# א דאנק

**לחן: יונה ליפשיץ**
**סיפור: הרב נחום דוננער**
**חרוזים: הערשי דייטש**

מיט א העכערקייט בלויז
איז דער רבי מדבק
אינעם רוזשינער קלויז
נאך א שמעק אינעם טאביק
פלוצלינג ער הערט א מאדנע געפעכט
זיין טאכטער האט געגעבן א קרעכץ

גלייך ער רופט צו
זיין טאכטער פארהאלט ער
פארוואס עפעס זיפצטו
ווי א יוד אַן אלטער
אין יעדע מצב אונטערברעכטס נישט
געדענק מיין קינד נאר קרעכץ נישט

ווייל א קרעכץ ברענגט א קרעכץ
און א דאנק ברענגט א דאנק

צי ס'איז לינקס צי ס'איז רעכטס
ס'איז פון הימל א געשאנק
און לאמיך דיר פארציילן א מעשה
ס'געווען אַן עושר, מיט א פולע קאסע

איין טאג שפירט ער
די רעדל איז דרייעדיג
געלט פארלירט ער
זיין קאסע ווערט ליידיג
הייבט אָן קלאגן און לעכצן
פון הימל מ'ווייזט אים, וואס מיינט קרעכצן

**פון אויבן מ'שיקט נישט קיין שלעכטס**
**געדענק אז א קרעכץ ברענגט א קרעכץ**
**ווען ס'קומט אויס א שווערע דורכגאנג**
**געדענק אז דאנק ברענגט א דאנק**

קוים ער כאפט
ווי זיין מצב איז
נאך נדבות ער קלאפט
מיט א ביטערן עצבות
וואס איז מיט מיר לעצטענס געווארן
איך דארף גיין א גאנצע טאג שנארן

פון הימל מ'קוקט צו
ווי ער קרעכצט אזוי העציג
נאך א ווייטאג מ'שיקט צו
ווערט אינגאנצן קרעציג
אלע שטייען ווייט פון זיינע ד' אמות
ער פילט ווי ביטער די סם איז

יעצט מער געקרעכצט
די ווייטאג ס'רייסט אים







יסורים עטץ שטעכטסט
און פון הימל מ'ווייזט אים
דו כאפסט נישט די ווינק, דו קרעכצט נאכאלץ
מ'שיקט אים נאך א ווייטאג אין האלז

יעצט קען ער נישט שלינגען
ער שפירט עס אויטאמאטיש
פון דא איז געדרינגען
איך בין אזוי פאנאטיש
געווג שוין א גאנצע טאג אזוי קרעכץ איך
פון זיך אליין ער פאררעכט זיך

ער הייבט אָן צו דאנקען
אומאויפהערליך
מיין בעט דעם קראנקען
איז נישט אזוי געפערליך
געלויבט מיין קאפ איז הונדערט פראצענטיג
רעדן און טראכטן, א שמייכל איז קענטיג

נישטא וואס צו דערלייגן
מ'קען זיך נישט פארהאנקערן

פון הימל וועט מען צייגן
זאלסט האבן וואס צו דאנקען
ס'קוים, קוים אדורך איז דריי טאג
אינעם האלז, איז נישטא מער קיין ווייטאג

**פון אויבן מ'שיקט נישט קיין שלעכטס**
**געדענק אז א קרעכץ ברענגט א קרעכץ**
**ווען עס קוקט אויס א שווערע דורכגאנג**
**געדענק אז דאנק ברענגט א דאנק**

וזרח השמש
ער שפירט זיך אזוי גוט
כ'קען שוין עסן דעם קרעמיש
מיט אַן אפעטיט
פון הימל מ'זעט ווי ער דאנקט און ער דאנקט
נאך סאך מער האט מען אים דערלאנגט

אוועק מיט די קרעך
ער קען שוין גיין נאך גיין געלט
ס'שוין מער נישט קיין זעץ
ער באדאנקט זיך ווי א העלד

ברוך השם איך קען מיך געבן א ריר
איך קען שוין קלאפן אויף יענעמ'ס טיר

צובּיסלעך צוביסלעך
פריש אנגעהויבן
זיך שטעלן אויף די פיסלעך
דאנקן און לויבן
די רעדל האט זיך איבערגעקערט
א געזונטן עושר, פון הימל באשערט

מיין טייערע טאכטער
א יוד דארף עס מיטנעמען
אפילו א בראך האט ער
מיט ווייטאגליכע קלעמען
האט דער רוזשינער שיין ערקלערט
געדענק עס גוט, וואס דו האסט געהערט

**פון אויבן מ'שיקט נישט קיין שלעכטס**
**געדענק אז א קרעכץ ברענגט א קרעכץ**
**ווען ס'קוקט אויס א שווערע דורכגאנג**
**געדענק אז דאנק ברענגט א דאנק**



# 11
# באכע!

לחן • סיפור • חרוזים:
ליפא שמעלצער

**אוי טייערע חברים**
**קומטס אלע חברים**

**מ'גייט יעצט באכענען**
**מ'גייט יעצט וואס?**
**באכענען**
**מ'גייט וואס?**
**באכענען**
**איי פארוואס?**
**הערט א מעשה וואס באכעט**
**וועט איר פארשטיין פארוואס**
**באכענען**

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס קומט אָן היינט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס קומט אָן היינט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

דער בריסקער ראש ישיבה קומט צופרי אין שול אריין
דער וואנט איז אנגערויכערט
דער וואנט איז אנגערויכערט

דער וואנט אנגערויכערט
פון די תפילות פייער שיין
פון א איד וואס בוכה'ט
פון א איד וואס בוכה'ט

דער בריסקער גייט צו נענטער פרעגן דעם איד וואס איז דער פלאן
וואס ביסטו פאר'מח'עט?
וואס ביסטו פאר'מח'עט?









ווער איז דער איד וואס שרייט דא קולות, מי זה בא לכאן
דער קארלינער שוחט
דער קארלינער שוחט

צי מיינסטו אז דער אייבשטער קען דיך נישט הערן
שטילער שטילער שטילער
צי מיינסטו אז נאר שרייען קולי קולות דייקא וויל ער

אוי ראש ישיבה
דער אייבערשטער קען זיכער הערן, הערן
אוי ראש ישיבה
אפילו מען שרייט נישט ווי בערן, בערן
אוי ראש ישיבה
אבער וואס זאל איך טון אז איך וויל עס שפירן
איך וויל שפירן וואס איך בעט
איך וויל הערן וואס איך דאוון
איך וויל הערן וואס איך דאוון

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס הייבט אָן הײנט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס הייבט אָן הײנט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

איי ליבער ברודער זאג, צי פעלט אויס אלע טאנצערײ
צי פעלט אויס דאס קאכן
צי פעלט אויס דאס קאכן

וואס שלעכט אינווייניג זיין דערהויבן אונטער פאנצערײ
דער אייבערשטער וועט הארכן
דער אייבערשטער וועט הארכן

ליבער ברודער כ׳ווייס גאנץ גוט אז איך קען טאנצן שטילער שטילער
אבער ליבער ברודער, אלע טענצער, זיכער וויל איך וויל איך

אוי מיינע חברה
כ׳ווייס כ׳קען פון אינווייניג טאנצן
אוי מיינע חברה
ס׳פעלט אפשר נישט אויס די ווילדע טראנסן
אוי מיינע חברה
זאגטס מיר דעם אמת, זענט איר אינגאנצן מיט מיר

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס הייבט אָן הײנט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

**באכע באכע באכע**
**ליבער מוזיקאנט**
**גיב א זשוכע זשוכע זשוכע**
**ווייל עס הייבט אָן הײנט**
**דא א נייע עפאכע עפאכע**
**שפע ברכה והצלחה**
**אזוינס און אזאלכע**

# Bonus Tracks




מיינע טייערע אידעלעך
דא רעדט צו אייך מיכאל
איך האף אז מיר וועלן זינגען בקרוב
גאנץ כלל ישראל
מיט ר' ישעי'לע
אינעם בית המקדש דעם נייעם
אט אט דעם הלל הגדול אין ירושלים

מִי כַּה' אֱלֹקֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי
לָשָׁבֶת. הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת
בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ. מְקִימִי מֵעָפָר
דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן.
לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי
עַמּוֹ. מוֹשִׁיבִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם
הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּקָהּ.





















**FREE MUSIC STREAM 24/6**

**www.MICHOELSCHNITZLER.com**

מיכאל

?





The golden standard.

PREFERRED
GOLD

Private pay licensed home care agency.

5520 13th Avenue, Brooklyn, New York 11219

212.308.8100 | www.preferredgoldphc.com